STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03921

ANKETE VEGN GRAMATISHN MIN FUN ZAKHVERTER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור באַ דער אוקראַאיִנישער
וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. פילאָלאָגישע סעקציע.

НАУКОВА-ДОСЛІДЧА КАТЕДРА ЕВРЕЙСЬКОЇ КУЛЬТУРИ ПРИ ВСЕУКРАЇНСЬК. АКАДЕМІЇ НАУК.
ФІЛОЛОГІЧНА СЕКЦІЯ.

KATHEDER FÜR JIDDISCHE KULTUR AN DER UKRAINISCHEN AKADEMIE DER WISSENSCHAFTEN.
PHILOLOGISCHE SEKTION.

אנקעטע

וועגן גראַמאַטישן מין פון זאַכווערטער

АНКЕТА
ПРО ГРАМАТИЧНИЙ РІД ІМЕННИКІВ.

UMFRAGE ÜBER DAS GESCHLECHT VON HAUPTWÖRTERN MIT SCHWANKENDEM GENUS.

קיִעוו — 1928

די ביבליאָגראַפֿישע פֿאַרצייכענונג פֿון דעם בוך און די שיפֿרען פֿאַר ביבליאָ-טעק-קאַטאַלאָגן זיינען אָפּגעדרוקט אין „צייט-שריפֿט פֿון דרוק” און אין דעם „קאַרטן-רעפּערטואַר” פֿון דער אוקראַי-נישער בוך-פּאַלאַטע.

מעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק”
4-טע דרוק. וואָראָווסקי גאַס 42.
באַשט. № 859. געדרוקט 3.000
אָקרליט 1530

1. דער צוועק

מיט דער איצטיקער אַנקעטע הייבט אָן די פילאָלאָגישע סעקציע פון דער קאַטעדרע פאַר יידישער קולטור (קיעוו) אויסצופירן די דירעקטיוון פונעם 2-טן אַלפאַרבאַנדישן יידישן קולטור-צוזאַמענפאָר אין כאַרקאָוו, „אַז אונדזערע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זאָלן באַלד צוטרעטן צו דערלערנען, רעגולירן, אַרײַנטראָגן אייגהײַטלעכקײַט אין אייניקע שפּראַכדערשײַנונגען, וואָס מיר זעען באַ זיי צו וואַקלונגען און אומקלאָרקײַטן" (זע „ייד. שפּראַך" נום. 3 (10), ז. 56). מיר הייבן אָן מיט דעם גראַמאַטישן מין און מיט דערלערנען.

צום אַלעם ערשטן דאַרף מען וויסן די זאַכלאַגע: וואָסערע ווערטער זײַנען דאָס מיט אַ וואַקלדיקן, ניט-אײַנגערעגולירטן מין, און וואָס זײַנען די וואַקלונגען. מ'דאַרף פעסטשטעלן, ווי האַלט דאָס אין דעם פּראַט אין דער גערעדטער שפּראַך, מיט וואָסער מין (מיט די אַרטיקלען דער, די, דאָס) באַצייכנט מען געוויסע זאַכווערטער, ווי ווײַט מעגלעך, אין אַלע יידיש־רעדנדיקע ווינקעלעך, קוידעמקאָל (פאַר אונדז)—אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס איז דער צוועק פון דער איצטיקער אַנקעטע [1].

2. די מעטאָדע

אין דער אַנקעטע ברענגען מיר 305 ווערטער, וואָס וועגן זייער וואַקלדיקן מין אין פּראַקטישן געברויך האָבן מיר מער-ווייניקער זיכערע אָנגאָבן. מיר האָבן גענוצט פאַר דעם צוועק פאַרשיידענע קוואַלן: אַן ענלעכע אַנקעטע פונעם ייד. וויסנש. אינסטיטוט (ווילנע), ז. רייזענס אַרטיקל וועגן גראַמאַטישן מין אין יידיש („יידישע פילאָלאָגיע", העפטן 1, 2—3; 4—6, וואַרשע 1924—1926), י. מ. ליפשיצעס רוסיש-יידישן ווערטערבוך, אַן אַנקעטע וועגן מין פון אַ געוויסער צאָל ווערטער, וואָס כ' ש. קופערשמיד האָט אויסגעפירט אין בעלעצערקווע זומער האַיאָר, אייניקע כ' א. זאַרעצקיס אָנווייַזן א. א. וו., אויך אייגענע באַאַכטונגען איבער דער גערעדטער און געשריבענער שפּראַך. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז דאָס איז אַלץ. פאַרקערט, מ'קען זיכער זאָגן, אַז אַסאַך

[1] פעסטשטעלן, ווי האַלט דאָס דערמיט אין דער שריפט,—דאָס קענען טון די וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס גופא; און מיט אַן אַנקעטע צו א גרויסער צאָל, דערצו נאָך אומבאַקאַנטע, אַדרעסאַטן איז דאָס ניט מיגלעך אויסצופירן.

ווערטער מיט אַ וואַקלדיקן מין פעלן דאָ נאָך. דעריבער איז אונדזער ערשטע ביט צו אַלעמען:

צום אַלעם ערשטן דערגאַנצט די אַנקעטע גופּע מיט נײַע ווערטער!

פאַרצייכנט און שיקט אונדז צו ווערטער מיט אַ וואַקלדיקן מין, וואָס זיי פעלן אין דער איצטיקער אַנקעטע. ווײַזט דערבײַ די וואַקלונגען גופּע (באַצייכנט מיט „דער", „די", „דאָס"), גיט אָן, ווי האָט איר די וואַקלונגען באַמערקט: אין רייד, ווו, בײַ וועמען (היים-אָרט אָדער שטענדיק וווינאָרט, עלטער, בילדונג, געשלעכט א. ד. גל.), אין בוך, אין דער פּרעסע (ווי ווײַט מעגלעך, געניי ווו). גיט אָן אַ זאַץ צו דעם וואָרט (אַזוי ווי אין דער אַנקעטע); ווי ווײַט מעגלעך,—אַזוי ווי איר האָט דאָס געהערט, געלייענט, אָדער ווי איר האָט דאָס, לויט אײַער האַשאָרע, געקענט הערן, לייענען. אין ערגסטן פאַל גיט אָן דאָס וואָרט אַליין, מיט די וואַקלונגען אין מין, אָן די איבעריקע באַוואָרענישן.

פון דער אַנקעטע האָבן מיר לעכאַטכילע אויסגעשלאָסן גאַנצע גרויסע גרופּעס ווערטער, וואָס דער אונטערשייד אין מין בײַ זיי איז אַ דיאַלעקטישער און ער איז באַקאַנט. דער ליטוויש-רײַסישער דיאַלעקט האָט ביכלאַל בלויז צוויי מינים („דער", „די"); בעכיין האָבן מיר געהאַלטן פאַר איבעריק דאָ אָנצוגעבן אַזוינע גרופּעס ווערטער, וואָס אין ניט-ליטווישע דיאַלעקטן (אין פּוילישן, אוקראַינישן יידיש א. אז. וו.) זאָגט מען זיי מיט „דאָס". דאָס איז נעגייע קוידעמקאָל די פאַרקלענער-פאָרמעס (אַשטייגער: „טישל", „ביכעלע", „מילעכן", אָדער „מילעכל" א. ד. גל.) און דעם סובסטאַנטיווירטן אינפיניטיוו („דאָס שרײַבן", „דאָס גיין" א. ד. גל.), אָבער אויך אַ צאָל שטאָפנעמען („אײַזן", „האָלץ" א. ד. גל.), און אַ טייל אַנדערע ווערטער, וואָס, לויט אונדזער וויסן, איז וועגן זיי קײַן סאָפעק ניט, אַז אין די ניט-ליטווישע דיאַלעקטן זאָגט מען זיי פעסט מיט „דאָס" („האַרץ", „ווײַב" א. אַז. וו.).

גענומען האָבן מיר בעכיין בלויז אַזוינע ווערטער:

א) וואָס די וואַקלונגען אין מין בײַ זיי לאָזט זיך מערקן אין גוויל פון איין באַשטימטער דיאַלעקטישער גרופּע („דער" און „די" קאָפּ, „דער" און „דאָס" פערד א. ד. גל. זאָגט מען, אַשטייגער, אין אוקראַאינע גופּע);

ב) וואָס די וואַקלונגען בײַ זיי קומען פאָר בלויז צווישן „דער" און „די" אין פאַרשיידענע דיאַלעקטישע גרופּעס (ליטווישער און ניט-ליטווישער, אַשטייגער, „דער" קלאָג בײַ דער ליטווישער, „די" קלאָג—בײַ דער ניט-ליטווישער גרופּע א. ד. גל.).

אַהער קומט נאָך צו אַ צאָל נײַע ווערטער פון דער שריפטשפּראַך, וואָס זײַנען אין פאָלקסמויל ניט באַקאַנט, אָדער ווייניק באַקאַנט (ביוראָ, סיסטעם, טאָג-אָרדענונג א. ד. גל.).

פון אַ גרופּע ווערטער, וואָס בײַ זיי קען מען (טעאָרעטיש) אָנעמען, אַז זיי האָבן אַלע איין באַשטימטן מין (ווייניקסטנס אין גוויל פון איין געוויסן דיאַלעקט), ווײַל זיי האָבן איין בילדונג-סופיקס („ונג", „ײַ", „קײַט", „שאַפט" א. אַז. וו.), האָבן מיר געבראַכט בלויז עטלעכע מוסטערן פאַר אַ פּראָבע. גאָר

זיכער, פאַרשטייט זיך, קאָן מען דערמיט ניט זײַן. ס׳קאָן געמאָלט זײַן אונטערשיידן צווישן פאַרשיידענע ווערטער אין אַזאַ גרופּע אויך. אָבער דאָס דאַרפן שוין ווײַזן די ענטפערס אַף דער אַנקעטע; די עצעם רעגוליר-אַרבעט (דער לעצטער צוועק פון אונדזער אַנקעטע),—ווי ווײַט מ׳קען זיך איצט פאָרשטעלן,—איז דאָ גרינגער, אַפילע ווען מ׳וועט האָבן ענטפערס בלויז אַף אַ קלײנעם טייל ווערטער, דערהויפּט אָבער, אָנגעבן איצט אַלע ווערטער פון אַזוינע גרופּעס, אָדער אַפילע אַ גרויסן טייל אַזוינע ווערטער,—וואָלט שטאַרק פאַרשווערט די אַנקעטע. בעכיין מוז מען דאָס לאָזן אַף אַן אַנדערס מאָל, ווען ס׳וועט זיך שוין מער-ווייניקער זיכער אַרויסשטעלן, אַז מ׳מוז דערצו אָנקומען.

קעדיי דער ענטפערגעבער זאָל בעעמעס קאָנען ענטפערן פרײַ אַף פאַרשיידענע ווערטער פון איין אַזאַ גרופּע, ס׳זאָל זיך ניט ציען בײַ אים איין און דערזעלביקער מין פאַר אַ שפּעטערדיק וואָרט דערפאַר, וואָס אַזוי, מיט דעם מין האָט ער שוין באַצייכנט אַ פריערדיק וואָרט פון דערזעלבער גרופּע,—זײַנען דאָ ווערטער פון איין גרופּע (מיט „ונג״ אָדער „קײַט״ א. ד. גל.) צעוואָרפן איבער דעם גאַנצן אַלעפבייז, ניט אויסגעטיילט באַזונדער, און מ׳דאַרף זיך בײַ דעם ס י ד ע ר ש ט ר ע נ ג ה אַ ל ט ן.

פון דיזעלבע צוועקן וועגן איז די אַנקעטע אײַנגעטיילט אין 2 אַלעפבייזן, צו דערווײַטערן איינס פון אַנדערן זאַצן מיט דעמזעלבן וואָרט, אָבער אין פאַרשיידענע באַטײַטן (אַשטייגער, „ברויט״ אַלס שטאָף ביכלאַל און „ברויט״—אַ קאָנקרעטער אָביעקט; „בלאַט״ אַף אַ בוים, און „בלאַט״—אַ צײַטונג א.ד.גל.).

3. אייניקע אָנווײַזן פאַר דעם אויספרעגער

ס׳גייט קוידעמקאָל אָן דעם קלאָר צו מאַכן, ווי ווײַט מיגלעך, ווי אַזוי באַצייכנט מען דעם מין פון אַ געוויס וואָרט אין אַ ג ע וו י ס אָ ר ט, ניט אינדיווידועל פאַר דעם אָדער יענעם. דאָס איז נעגייע, פאַרשטייט זיך, קלענערע פונקטן (מיטעלע שטעט, שטעטלעך, דערפער), וואָס דער גרעסטער טייל באַפעלקערונג איז דאָרט באַשטענדיק, האָט ניט קיין גרויסע אײַנגעוואַנדערטע גרופּעס מענטשן פון דער פרעמד [1].

פאַר דעם צוועק דאַרף מען צוזוכן אַ מענטשן פונעם ע ל ט ע ר ן ד אָ ר, אַן אָרטיקן געבוירטיקן, אָדער אַזוינעם, וואָס וווינט דאָרט לאַנגע יאָרן פון קינדווײַז אָן, וואָס האָט זיכער, לויט דעם אויספרעגערס וויסן און קאָנטראָל, די אָ ר ט י ק ע שפּראַך אין מויל.

ס׳איז געווונטשן, אַז דאָס זאָל זײַן אַ ש ר י פ ט ק ע נ ע וו ד י ק ע ר, ער זאָל אַליין קענען לייענען די אַנקעטע, און צוגעבן (ווי ווײַט מיגלעך, אַליין צושרײַבן) צו יעדער זאַץ דאָס פּאַסנדיקע אַרטיקל („דער״, „די״ „דאָס״), אָבער ניט קיין „אָנגעלייענטער״, ניט אַזוינער, וואָס האָט שוין אין זײַן שפּראַך אַ שטאַרקע השפּאָע פון דער פרעסע און בוך.

1) מ׳דאַרף דערבײַ געדענקען, אַז אין אייניקע ערטער אין אוקראַינע איז בעיס דעם קריג צוגעקומען גרופּעס ל י ט וו י ש ע יידן היימלאָזע.

דעם ענטפֿערגעבער דאַרף מען קורץ דערקלערן, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, אים ווייַזן מיט אַ בייַשפּיל פֿון אַ פּאָר זאַצן, אַז דאָ פֿעלט (בעקיוון) אומעטום דאָס אַרטיקל (מ'זאָגט ניט, אַשטייגער: „אויג איז קליין" א.אז.וו. (זאַץ 2); מ'זאָגט: „דאָס" (אָדער „דער", „די") אויג איז קליין" א. אַז. וו. און דאָס איז דער באַטייַט פֿון די פּינטעלעך אין יעדן זאַץ), און אים בעטן אומעטום צוזועצן דאָס אַרטיקל, אויך די ענדונג באַם אַדיעקטיוו („זייַנער", „זייַנע", „זייַנס" אין № 11 א. א. וו.), אַזוי אַז ס'זאָל ווערן אַ נאָרמאַלער זאַץ. מ'דאַרף דעם אויספֿרעג פֿירן אַזוי, אַז דער ענטפֿערגעבער זאָל איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿאַרשטיין, וואָס מ'וויל פֿון אים, ניט אַזוי אַז באַ יעדער זאַץ זאָל מען אים דאַרפֿן איבערפֿרעגן—ווי אַזוי זאָגט מען באַ אײַך: „דער" אָדער „דאָס" אומגליק „די" אָדער „דאָס" אַזעס? א. אַז. וו. מ'דאַרף זען, ער זאָל ענטפֿערן (ד. ה. איבערזאָגן יעדן זאַץ אינדערהיים, שוין מיט אַ צוגעזעצט אַרטיקל) קימאַט אַווטאָמאַטיש, ניט געקלערט, וואָרעם באַם איבערפֿרעגן און נאָכקלערן קאָן מען שוין ניט זיכער זייַן מיט דעם ענטפֿער.

מ'דאַרף דערקלערן דעם ענטפֿערגעבער, אַז ער דאַרף אָנגעבן דאָס אַרטיקל אַזוי ווי מע רעדט פּראַקטיש, ניט ווי אים וואָלט אויסגעוויזן פֿאַר „ריכטיק". אויב אייניקע ווערטער זייַנען אים לאַכלוטן פֿרעמד און ער ווייסט ניט אַף זיכער צו באַצייכענען דאָס אַרטיקל,—איז לאָזט דורך די געהעריקע זאַצן. באַ די ווערטער, וואָס ער גיט באַ זיי אָן צוויי מינים (מ'זאָגט „דער" און מ'זאָגט „די"), דאַרף מען באַצייכענען ביידע.

העיויס ווי די אַנקעטע איז גרויס, איז דאַרף מען פֿאַרטיילן דאָס אויספֿרעגן אַף עטלעכע מאָל, אַזוי אַז דער ענטפֿערגעבער זאָל ניט מיד ווערן (באַ אַ מידן מענטשן קען מען ניט זיכער זייַן מיט די ענטפֿערס).

ערגער איז, אויב מ'קריגט ניט קיין פּאַסיקן שרייַפֿטקענעוודיקן און מ'מוז אָנקומען צו אַ אַנאַלפֿאַבעט. אין דעם פֿאַל וואָלט אויסגעקומען אים פֿירצוזאָגן יעדן זאַץ באַזונדער, פֿאַרשטייט זיך, אָן דעם אַרטיקל, און אים בעטן צוצושטעלן דאָס אַרטיקל. דאָ איז גרעסער די געפֿאַר, אַז מ'זאָל דאַרפֿן יעדעס מאָל איבערפֿרעגן (ווי אַזוי זאָגט מען: „דער" אָדער „דאָס" אומגליק?). דאָך דאַרף מען זען, ווי ווייַט מעגלעך, פֿון אָנהייב אָן קלאָר צו פֿאַרשטיין געבן יענעם, אָן וואָס דאָ גייט, אַזוי אַז ער זאָל אַליין צושטעלן דאָס אַרטיקל, ניט איבערגעפֿרעגטערהייט.

כּוץ אַן עלטערן מאַנסמענטשן, דאַרף מען אויספֿרעגן איינעם פֿון דער אָרטיקער יוגנט—(געזעלשאַפֿטלעך-אַקטיוון אַרבעטער אָדער קוסטאַר). די קלאָלים באַם אויספֿרעגן גילטן דאָ דיזעלבע, וואָס פֿריער. אין דעם פֿאַל האָבן מיר שוין פֿאַר זיך מער די אינדיווידועלע שפּראַך, אָדער, ריכטיקער, די שפּראַך פֿון אַ געוויסער גרופּע, וואָס האָט שוין, אַנע'ו, אַף זיך די האַשפּאָע פֿון פּרעסע און בוך, אָבער דידאָזיקע שפּראַך דאַרף מען אויך וויסן.

פֿאַר די גרעסערע שטעט, וואָס האָבן גרופּעס באַפֿעלקערונג פֿון פֿאַרשיידענע געגנטן (אָדעס, קאַטערינאָסלאַוו, קיעוו א. אַז. וו.), בּיפֿראַט נאָך אין די געגנטן, וואָס האָבן זיך ביז דער רעוואָליוציע גערעכנט אויסער דעם יידישן „טכום"

(דער איבערגרעסטער טייל ר.ס.פ.ר.ר.), שטרעבט די אַנקעטע ניט פעסטצושטעלן די מין־אייגנטימלעכקײַט אין דער שפּראַך פונעם אָרט (שטאָט, שטעטל) אינגאַנצן גענומען. דאָ איז יעדער אַנקעטע-עקזעמפּליאַר אינדיווידועל פאַר יעדן איינעם, וואָס קריגט אים, דאַרף ער אַליין אויספילן די אַנקעטע, ניט אויספרעגן עמעצן. טײַדן אין אַ געוויס אָרט טרעפן זיך גרופּעס אָדער יעכידים פון געגנטן, וואָס ליגן אויסער דעם ראַטנפאַרבאַנד (בעסאַראַביע, גאַליציע, פוילן, רומיניע א. אַז. וו.). אין דעם פאַל, אויב מ׳האָט די זיכערקײַט, אַז באַ געוויסע יעכידים איז נאָך פעסט אין געברויך, ווייניקסטנס אין זיקאָרן, זייער היימישע שפּראַך, לוינט אַזוינע אויך אויסצופרעגן.

אין אַזוינע פאַלן לוינט אויסצופילן עטלעכע אַנקעטע-בויגנס, פאַר פאַרטרעטער פון יעדער גרופּע באַזונדער[1].

באַם אויספילן די אינדיווידועלע אַנקעטע (יעדער פאַר זיך) איז געווונטשן, ווי ווײַט מעגלעך, זיך צו דערמאָנען און אָנגעבן דעם מין (דאָס אַרטיקל) לויט דעם ענטפערגעבערס היים-שפּראַך (אויב ער איז פון אַן אַנדער שטאָט, שטעטל)—אָדער לויט דעם אָרט, ווו באַם ענטפערגעבער האָט זיך אויסגעפורמט זײַן שפּראַך. אין די פאַלן, ווען מ׳איז ניט זיכער מיט דעם אָפּשטאַם פון דעם אייגענעם שפּראַכפאַרמאָג, וואָס דערפון גילט אין דער היים-שפּראַך און וואָס איז גענומען פון אַנדערע ערטער, פון בוך און פרעסע,—דאַרף מען באַ די געהעריקע זאַצן שטעלן אַ סימען ×. אויב אַ געוויס וואָרט קאָנט איר זאָגן, אָדער איר זאָגט, שרײַבט פאַקטיש מיט צוויי מינים, ניט פעסט מיט איינעם,—איז גיט אָן ביידע.

מ׳דאַרף גענוי אָנגעבן אָנהייב דער אַנקעטע יעדיעס וועגן דעם אויספרעגער און אויסגעפרעגטן פערזענלעך לויט דער סכעמע. אין געוויסע פאַלן, ווען ס׳איז פאַראַן עפּעס ספּעציעל צו זאָגן אין דעם פראַט, כּוץ דעם (אַשטייגער, וועגן דער שפּראַכבאַגאַבטקײַט, אַלגעמיינער אינטעליגענץ, פאַרלאָזלעכקײַט פון דעם אויסגעפרעגטן א. ד. גל.)—איז געווונטשן דאָס צוצושרײַבן ספּעציעל.

אַ ספּעציעלע בּיט: גרינטלעך דורכנעמען סײַ דעם פּלאַן פון דער אַנקעטע ביכלאַל, סײַ די פּראַקטישע אינסטרוקציע. אויב שוין פון אָנהייב אָן אָדער שפּעטער באַ דעם אויספרעגן זאָל זיך די אינסטרוקציע אַרויסשטעלן פאַר ניט גענוג, פאַר ניט קלאָר, א. ד. גל.—איז געבעטן דאָס אַלדינג צו פאַרצייכענען, פאָרמולירן, וואָס סע פעלט, אָדער איז פעלערדיק, און מיטיילן דער פילאָלאָגישער סעקציע באַ דער קאַטעדרע.

די סעקציע איז שטענדיק גרייט צו ענטפערן אַף אַלע אָנפרעגן, וואָס זײַנען נעגייע דער איצטיקער אַנקעטע[2].

קיעוו, 17 אָקטיאַבער 1928

נ. שטיף

1) אַנקעטעס קען מען אויסשרײַבן באַ דער קאַטעדרע וויפל מע האָט נײַטיק.

2) איבעם צונויפשטעלן דאָס צעטל ווערטער, איבעם באַאַרבעטן די זאַצן צו זיי א. אַז. וו. האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט כ׳ י. קוויטני, אַספּיראַנט באַ דער פילאָלאָגישער סעקציע.

יעדיעס וועגן אויספרעגער:

1) שטאָט (שטעטל, דאָרף) און קרייַז

2) ווי לאַנג זייַט איר דאָרט

3) פאַמיליע - נאָמען

4) נאָמען

5) עלטער

6) בילדונג

7) פראָפעסיע אָדער שטעלע

יעדיעס וועגן אויסגעפרעגטן:

1) שטאָט (שטעטל, דאָרף) און קרייַז

2) ווי לאַנג וווינט ער דאָרט

3) פונוואַנען (שטאָט, לאַנד) שטאַמט ער

) ווי לאַנג דאָרט געלעבט

5) פאַמיליע - נאָמען

6) נאָמען

7) עלטער

8) בילדונג, שריפטקענעוודיקייַט

9) פראָפעסיע אָדער שטעלע

10) געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקייַט (פראָפאַריין, פאַרטיי א. אַז. וו.)

ווער האָט אויסגעפילט די אַנקעטע (דער אויספרעגער, דער אויסגעפרעגטער)

1 ...... שייגע אָדעס בויט זיך ווידער אוף.

2 ...... אויג איז קליין, און דאָך זעט ...... די גאַנצע וועלט.

3 ...... אויסברענגערײַ שטעלט אים בעדאַלעס.

4 ...... אויסשטײַער ליגט אין קאַסטן.

5 ...... אויער הערט ניט, וואָס ...... מויל רעדט.

6 ...... אומגליק איז געשעען פאַראײַאָרן.

7 ...... אומרעכט איז גרויס.

8 ...... אונטערשריפט איז ניט קלאָר.

9 ...... באַפרײַמע אוקראַינע פאַרשטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג.

10 ...... דאָרעמדיק ...... אוראַל זעט אויס שענער ווי ...... צאָפנדיק ......

11 ...... אַזעס זײַנ ...... האָט קײַן שיר ניט.

12 ...... מוסאָליניש ...... איטאַליע איז פאַשיסטיש.

13 ...... אײַלעניש האָט אים טײַער געקאָסט.

14 ...... אײַנשטעלעניש איז אים געראָטן.

15 ...... אַכדעס איז צעשטערט געוואָרן.

16 ...... אַכראַיעס פאַלט אַף דיר.

17 ...... אָל (גאָל) איז צו קליין.

18 ...... אַלטוואַרג האָט שוין אַלעמען דערעסן.

19 מ׳דאַרף ליקווידירן ...... אַמעראַצעס.

20 איצטיק ...... אַמעריקאַ האָט די דייע איבער גאַנץ אייראָפּע.

21 ...... אָנבײַסן איז שוין פאַרטיק.

22 ...... אַנשטאַלט איז אָפן פון צען אינדערפרי.

23 ...... אָנשטרענגונג איז שווער.

24 ...... אָפּשפּאָרעכץ וועט גוט צונוץ קומען.

25 ...... אַקשאָנעס זײַנ ...... איז ניט איבערצושפּאַרן.

26 ...... אָרדענונג איז געשטערט.

27 ...... אַרטיקל וועט ניט גיין אין דעם נומער.

28 ...... אַש איז אויסגעלאָשן.

29 ...... באַדערפעניש קען מען ניט אַוועקמאַכן.

30 ......באַהעלטעניש איז ניט זיכער.

31 ......באַלײַכטונג איז צו שוואַך.

32 ער פאָרט מיט ......באַן.

33 ......באַשרײַבונג איז ניט אויסגעטראַכט.

34 ......בוימל איז קאַליע געוואָרן.

35 ......בוך איז שיין געבונדן.

36 ......בוראָ נעמט אוף ניט אַלע טאָג.

37 נאַ דיר ......בײַטל און פיר די הויצאָע.

38 ......בייסמעדרעש איז פוסט.

39 ......ווײַטע ......בי ראָ-בידזשאַן איז אונדז מיטאַמאָל נאָענט געוואָרן.

40 ......בלאַט איז פון אַ באַרנבוים.

41 ......בעט איז צו קליין.

42 ......רויטע ......בערלין האָט מיט פאַראַד אופגענומען די רויטע פראָנ-
טאָוויקעס.

43 ......ברויט איז אַלט געבאַקן.

44 ......בריוו איז פון אַ גוטן פרײַנט.

45 ......בריק איז צעבראָכן.

46 ......ברעט ברעכט זיך.

47 לאַנג ווי ......ייִדיש ......גאַלעס.

48 ......גאָרטנוואַרג איז נאָך ניט פאַרטיק.

49 ......גוטברידערשאַפט פאַרשטאַרקט זיך צווישן אונדז.

50 ......גוט-אויג וועט זיך פעלן.

51 ......גלאָז איז פול ווי אַן אויג.

52 ......געגנט איז מיר באַקאַנט.

53 ......געדולד האָט געפּלאַצט.

54 ......געדעכעניש זײַנ ......זאָל ניט בלײַבן.

55 ......געוואַנט איז צו טײַער.

56 ......געוויטער האָט אָנגעמאַכט אַ כורבן.

57 ......געוויין איז ווי נאָך אַ טויטן.

58 ......געזונטקײַט זײַנ ......איז אונטערגעריסן.

59 ......געזעץ איז פאַר אַלעמען גלײַך.

60 ...... געטרײַשאַפט איז ווי פון אַן אייגענער מאַמען.

61 אַז מ'האָט פינף טעכטער, פאַרגייט ......געלעכטער.

62 ......געיעג איז געראָטן.

63 ......געפאַר איז נאָך ניט פאַרבײַ.

64 ...... געפעו שטייט אַף דער וואַך פון דער רעוואָליוצ. געזעצלעכקײַט.

65 ......געפילדער הערט זיך פון דער ווײַטן.

66 ......געפלוידערײַ הערט גאָר ניט אוף.

67 ......געראַנגל האָט זיך פאַר אים אויסגעלאָזט שלעכט.

68 ......געריכט וועט זיך פאַר מיר אָנעמען.

69 ......גערעטעניש איז ניט קײַן שלעכט

70 ......גערשטן איז שוין פאַרקויפט.

71 ...... געשווילעכץ איז אָפגעגאַנגען.

72 ......געשוויר האָט געפלאַצט.

73 ......געשלעג האָט געמאַכט אַ טומל אין גאַס.

74 ...... געשריי מאַכט אַ לאָך אין קאָפ.

75 ......שמאַלץ רינט אויס, און ......גרוב בלײַבט אַ גרוב.

76 ער איז אַריבער...... גרענעץ.

77 ......דאָרף האָט אָפגעברענט.

78 ......דאָקטערײַ זײַנ......קומט אים אָן שווער.

79 ......דעפאָ האָט פאַריכט אַסאַך מאַשינעס.

80 ......דעק פון פאַס איז צעבראָכן.

81 ......דרייקאָפ האָט זיך אַליין פאַרדרייט.

82 ......דרעשעכץ הייבט זיך אָן.

83 ......האָבער שטעכט אים.

84 ......האַלדז איז באַ מיר צוגעקילט.

85 ......האַס איז אים אָפגעגאַנגען.

86 האַנטעך איז ברודיק.

87 ......האַרצווייטיק איז זייער גרויס.

88 ...... הוט איז געפוצט מיט אַ פעדער.

89 ה ו י ז איז.......... שענסט.......... אין גאַס.

90 ער האָט אָנגערוקט.......... טויבע ה י ט ל.

91 העמד איז אין איינע לעכער.

92 ו וואַ ס ע ר איז אומריין.

93 ו וואַ ק ס איז צעגאַנגען.

94 ו וואַ ר מ ע ס צ ײַ ט איז קנאַפּ אַף אָפּצועסן.

95 ו ו י ל ט אָ ג איז גרויס.

96 ו ו ו נ ד ע ר איז קײַן וווּנדער ניט.

97 ו ו ו ק ס זײַנ.......... וואַרפט זיך אין די אויגן.

98 ו ו יי ט י ק איז ניט אַזוי גרויס, ווי די שאַנד.

99 ו ו ײַ ט ק ײַ ט שלאָגט אָפּ דעם כיישעק צוגיין.

!00 אופגעלעבט.......... ו ו ײַ ס ר ו ס ל אַ נ ד מאַכט ניט קײַן כילעק צווישן פאַרשיידענע פעלקער.

104 ו ו י ל ד ק ײַ ט זײַנ.......... איז ניט צו באַשרײַבן.

102 ו ו י ס נ ש אַ פ ט פאַרנעמט באַ אונדז אַלץ מער אַ גרעסער אָרט.

103 ו ו י ר ק ו נ ג פון דער פּרעסע איז גרויס.

101 לעצט.......... ו ו ע ל ט ק ר י ג האָט געדויערט איבער 4 יאָר.

105 ו ו ע ר ט פון דער זאַך איז ניט אָפּצושאַצן.

106 ו ו ע ר ס ט ציט זיך עפּעס צו לאַנג.

107 ו ו ע ש ע ר ײַ האָט זיך ערשט געעפנט.

'08 ז אָ נ ע כ ץ שלאָגט צום האַרצן.

109 ז אַ ל איז געפּאַקט מיט מענטשן.

110 צעשיט ניט.......... ז אַ מ ד.

111 ז אַ פ ט איז אויסגערונען.

112 ז אָ ק איז צעריסן.

113 ז ו פּ איז הייס.

114 ז ײַ ד איז צעהאַקט.

115 אופגעשטאַנען אַף.......... לינק.......... ז ײַ ט.

116 ז יי ף איז פאַרפאַלן געוואָרן.

117 ז י ס ק ײַ ט איז אַזש פריקרע.

118 ......זיפּ איז צעלעכערט.

119 ......טאָג-אָרדענונג איז צו גרויס.

120 ......טאָג-צעטל איז ניט פֿאַר איין זיצונג.

121 ......שרײַב-טאָװל שטייט אין קלאַס.

122 ......טויער איז פֿאַרמאַכט.

123 ......טוך פֿאַרדעקט ניט......קאָפּ.

124 ......טועכץ איז ניט פֿאַר מיר.

125 ......טאָג איז אופּגעגאַנגען.

126 ......טייגעכץ איז רוי.

127 ......טײַטש פֿון דעם װאָרט איז גאָר אַן אַנדער......

128 ......טײַך איז ניט קײַן טיף......

129 ......ערשט......טייל איז גרעסער פֿאַר...... צווייט......

130 ......טינט איז װאַסערדיק.

131 ......טישטעך איז צעריסן.

132 ......טרייסט איז געקומען צו שפּעט.

133 ......טריקאָ האָט זיך צעצויגן.

134 ......טריקעניש האָט אָנגעמאַכט צאָרעס.

135 ......יאָגעניש נעמט אַרויס דעם געזונט.

136 ......יאָרצײַט געפֿאַלט אין סענטיאַבער.

137 ......יונגװאַרג איז צעלאָזט.

138 ......כאַװערשאַפֿט זייער......איז ניט אַף לאַנג.

139 ......כאַלאַס איז אים געקומען פֿון אַ פֿאַרקילונג.

140 ......כיידער (צימער) איז ענג.

141 ......כיילעװ איז קאַליע געװאָרן.

142 ......לאָך איז טיף.

143 ......לאָמפּ ברענט שלעכט.

144 ......ליבשאַפֿט זייער......איז גרויס.

145 ......לײַװנט איז גוט געװעבט.

146 ......ליים איז געמישט מיט זאַמד.

147 ......ליד זינגט מען אין אַלע גאַסן.

148 .... ר י כ ט צאַנקט.

149 ל ע ב ע ר איז געשוואָלן.

150 ל ע ד ע ר געפעלט מיר ניט.

151 ל ע פ ל איז פול.

152 מ אַ כ ל ו י ק ע ס הייבט זיך ערשט אָן.

153 .... מ אַ ל ב ו ש האָט זיך צעשיט.

154 מ אַ ר אַ נ ץ איז צעפוילט.

155 ...... מ ו י ל פאַרמאַכט זיך אים ניט.

156 ... מ ו ל ט ע ר איז צעבראָכן.

157 .... מ י ד ב ע ר איז פוסט.

158 ...... מ י ט ל ײַ ד זײַן ...... איז פאַלש.

159 .... מ ײַ כ ל איז ניט געשמאַק.

160 אַז ...... מ י ל הערט אויף צו מאָלן, הערט אויף דער מילנער צו צאָלן.

161 .... מ י ל ך איז באַ אים געשוואָלן.

162 מ י ס ט איז אָפגעראַמט.

163 .... מ ע ל איז טונקל.

164 מ ע נ ט ש זינדיקט, און דער האָן ווערט די קאַפּאָרע.

165 מ ע ס ליגט נאָך פון נעכטן.

166 .... מ ע ס ע ר איז שאַרף.

167 .... מ ע ר ד ע ר ײַ זײַן ...... איז אַ גרויל.

168 .... מ ע ש ו ג אַ ס איז אים איבערגעגאַנגען.

169 .... נ אָ ז איז אים פאַרלייגט.

170 נ אַ ט ו ר זײַן .... ווערסטו ניט איבערמאַכן.

171 .... נ אַ ס ק ײַ ט וועט שוין לאַנג האַלטן.

172 .... נ ו ל איז אָפגעמעקט.

173 .... נ ו ס איז ווערעמדיק.

174 .... נ ו ץ פון דער זאַך איז גרויס.

175 .... נ ע ו ו י ע ס איז ניט מעקויעם געוואָרן.

176 .... נ ע מ אָ נ ע ס וועל איך ניט אָנווערן.

177 .... נ ע ס ט איז פוסט.

178 כאַפּן די פיש פאַר......נעץ.

179 ......סיסטעם זײַנ......טויג ניש.

180 ......עלטער רוקט זיך אָן.

181 ענגשאַפט איז דאָ ניט איבערצוטראָגן.

182 גערוועזנ......עסטרײַך-אונגאַרן איז זיך צעפאַלן אַף באַזונ-
דערע מעלוכעס.

183 ......עסיקפליש איז נאָך ניט פאַרטיק.

184 ......עק פון דער מײַסע לאָזט זיך אויס שיין.

185 ערשטלינג איז נאָך שוואַך.

186 פאַלטע (פאַלטאָ) ליגט, ווי אויסגעגאָסן.

187 ......בלאָטיקע פאָלעסיע וועלן מיר אויסטריקענען.

188 עס ברענט אים......פאָנים.

189 ......פולוער האָט אופגעריסן.

190 ......פלוידערײַ הערט גאָרניט אוף.

191 ......פרווו איז ניט געראָטן.

192 ......פרײַז איז ניט פאַר מיר.

193 ......פאַלשקײַט זײַנ......זעען אַלע.

194 ......פאַרב איז אים אַרײַן אין פאָנים.

195 ......פאַרבינדונג איז באַ זיי שטאַרק.

196 ......פאַרברעך איז אומגעהערט.

197 פאַרגעניגן גייט מיר ניט אײַן.

198 ......פאַרגרינגערונג האָט לאַנג ניט געדויערט.

199 ......פאַרזעעניש איז שוין דאָ.

200 ......פאַרטעך איז ווי אָנגעמאָסטן.

201 ......פאַרײַניקונג האָט קײַן נוץ ניט געבראַכט.

202 ......פאַרמעגן איז אַוועק מיטן רויך.

203 ......פאַרשלעפעכץ איז שוין נימעס.

204 ......פויגל איז אַרויסגעפלויגן פון שטײַגל.

205 ......פוילקײַט מאַכט אים אומגליקלעך.

206 ......פוס טוט מיר וויי.

20 פידל איז אַן אויסגעשפילט……

20 פײַנטשאַפט איז בײַ זיי נאָך פון אַמאָל.

209 פינצטערניש איז צוגעפאַלן מיטאַמאָל.

210 פירעכץ געפעלט מיר ניט.

211 פלאַם זעצט אַרויס.

212 פענצטער איז אָפן.

213 בעסטע…… פערד דאַרף האָבן אַ בײַטש.

214 צאַם איז ניט גוט געמאַכט.

215 בײַס זיך אָפ…… צונג.

216 צונעמעניש איז אים ווי אָנגעמאָסטן.

217 צושנײַדעכץ איז נאָך ניט פאַרטיק.

218 צוואַנג איז צעבראָכן.

219 צווײַג איז פאַרדאַרט.

220 וואָס איז…… ציל (צעל) פון דעם לעבן?

221 צימער איז צו קליין.

222 קאַטאָוועס זײַנ…… איז איבעריק.

223 קאַמער איז פאַרשלאָסן.

224 קאָנטאָר איז אָפן.

225 קאַסטן איז פאַרקלאַפט.

226 קאָפ איז מיר פאַרדרייט.

227 קאמאָד פאַרמאַכט זיך ניט.

228 קאָרן געפעלט מיר ניט.

229 וואָס איז…… קונץ.

230 קוואַטערשאַפט איז שוין פאַרטיילט.

231 קייווער איז שוין מיט גראָז פאַרוואַקסן.

232 קימפעט איז אַריבער גרינג.

233 קישן איז האַרט.

234 קינאָ שפילט הײַנט ניט.

235 קינדערהויז איז גוט אײַנגעאָרדנט.

236 קינדערהיים איז פאַרמאַכט.

237 ...... קלאַס קאָן ניט אַרײַנעמען אַלע קינדער,

238 ...... קלאָג פאַרגייט, און דער רעוועך באַשטייט.

239 אַרופלייגן ...... קלאָץ אַף יענעם.

240 ...... קלוגשאַפט העלפט אים שטענדיק אויס.

241 ...... קלויסטער איז אַ הילצערנ ......

242 ...... קלײנוואַרג טומלט הײַנט צופיל.

243 ...... קעסל זידט.

244 בעסער ...... ערשט ...... קריג, איידער ...... לעצט ......

245 ...... קריגערײַ איז אָן אַ סאָף.

246 ...... קרײַד וועט ניט קלעקן.

247 ...... שיינ ...... קרים ווערט אַ צענטער פון יידישער ערדאַרבעט.

248 ...... קרענקונג איז גרויס.

249 מ'דאַרף אים האָבן ווי ...... פינפט ...... ראָד צום וואָג.

250 איך קען ...... ראַכמאָנעס ניט צוזען.

251 ...... רוט הערט ניט אויף צו שמײַסן.

252 ...... רויוואַרג איז ערגער ווי ...... פריערדיק ......

253 ס'איז שוין ניט ...... רוסלאַנד, וואָס אַמאָל.

254 ...... רײַכקײַט איז ניט אָפּצושאַצן.

255 ...... רײף איז אָן אײַזערנ ......

256 ...... רעכילעס זײַנ ...... האָט אַ שעם!

257 ...... רעכענונג איז ריכטיק.

258 ...... רעשט מאַכט אויס אַ קלײניקײַט.

259 ...... שאַל איז נאָך נײַ.

260 ...... שאַרבלאַט איז פאַרקלעפּט.

261 ...... שאַרף פון מעסער איז אויסגעקאַרבט.

262 ...... שוסטערײַ זײַנ ...... גייט אים שלעכט.

263 ...... שוואַכקײַט איז אים געקומען נאָך ...... קראַנקײַט.

264 ...... שווערד איז אָנגעשאַרפט.

265 ...... שטאַל איז פאַרשלאָסן.

266 ...... שטאָל איז שלעכט פאַרהאַרטעוועט.

267 ...... ש ט אָ ף איז שיטערלעך.

268 ...... ש ט אַ ר ק ײַ ט זײַנ ...... איז צו באַוווּנדערן.

269 ...... ש ט ו ל איז אַ נײַ ......

270 ...... ש ט י י ס ל איז צעבראָכן.

271 וואָס מיעסער ...... ש ט י ק, אַלץ גרעסער ...... גליק.

272 ווו ...... ש ט ר י ק איז דין, דאָרטן רײַסט ...... זיך.

273 ...... ש ײַ ט ה אָ ל ץ וועט ניט ברענען.

274 ער זעט ניט ...... ליכטיק ...... ש ײַ ן.

275 ...... ש ל אַ נ ג איז אַ גיפטיק ......

276 ס'האַקט מיר אין ...... רעכט ...... ש ל י י ף.

277 ...... ש מ י ר ע כ ץ איז פאַרטריקנט.

278 ...... ש נ אָ ר ע ר ײַ דאַרף אויסגעראָטן ווערן.

279 ...... ש נ ײַ ד ע ר ײַ זײַנ ...... גיט אים צום לעבן.

280 ...... ש ע נ ק מאַכט אים אומגליקלעך.

281 ...... ש פ ו ר איז נאָך פריש.

282 ...... ש פ י ז איז פאַרזשאַווערט.

283 ...... ש פ ײַ ע כ ץ טריקנט אים אין מויל.

284 ...... ש פ ר אָ צ ו נ ג גיט גוטע פרוכט.

285 ...... ב אַ ן גייט אַלע טאָג.

286 ...... ב ל אַ ט איז פאַרשריבן פון ביידע זײַטן.

287 ...... כאַרקאָווער ב ל אַ ט קאָסט ביליקער פאַר ...... מאָסקווער.

288 ...... ב ר ו י ט אַף די פעלדער איז געראָטן.

289 ...... ג ל אָ ז וועט ניט קלעקן אַף אַלע טאַפּליעס.

290 ...... ג ע ר י כ ט איז זייער געשמאַק.

291 ...... ג ע ר ש ט ן אַפן אויג איז זיך צעוואַקסן.

292 ...... יִדיש ...... ד אָ ר ף אין פאַרבאַנד וואַקסט פון טאָג אַף טאָג.

293 ...... ד ע ק איז צו גרויס פאַר ...... בעט.

294 ...... ה אָ ב ע ר אַפן פעלד איז פאַרפוילט.

295 ...... ה ו י ז איז צו קליין פאַר אַזאַ שטוב.

296 גרויס...... וואַסער איז שוין אָפּגעלאָפן.

297 אויסגעזויגן... זאַפט פון די ביינער.

298 רעכט...... זייט גאַס איז אָפּגעבערנט.

299 ...... טאָוול פון בוך איז אָפּגעריסן.

300 ער זעט ניט...... ליכט פון טאָג.

301 מעדאַרף געדענקען...... עלטער פון קינד.

302 ...... עק איז באַ דער קאַץ אָפּגעהאַקט.

303 ...... אַרבעטער־קלאַס איז געקומען צו דער מאַכט.

304 ...... אימפּעריאַליסטישע...... קריג האָט געקאָסט אַסאַך קאָרבאָנעס.

305 איך קאָן ניט אָפּבינדן...... שלייף.

באַם צוריקשיקן בעטן מיר:

צונויפלייגן די בראָשור איבצווייען מיט דער אַדרעס־זייט פונויבן, באַהעפטן די צוויי העלפטן מיט אַ קלעמערל, אָדער פאַרבינדן מיט אַ פאָדעם, אָדער צונויפנייען מיט אַ פּאָר שטעך די ראַנדן; אויסמעקן (איבערשטרייכן) אייער אַדרעס, און אַף אונדזער צוריק־אַדרעס אויסמעקן די ווערטער

„Поворотна адреса, Обратный адрес“

Кому ....

Округи ....

Куди ....

Поворотна адреса

Обратный адрес

КИЇВ

KIEV U. S. S. R.

КАТЕДРА ЕВР. КУЛЬТУРИ ПРИ ВУАН

ВУЛ. СВЕРДЛОВА, 9/2.